STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03192

FOLKSLIDER

Clara Kliksberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Sophie Lehman
in memory of
Moishe Greenhouse, "zamler"

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלאַראַ קליקסבערג

פאָלקסלידער

קלאַרא קליקסבערג

פאָלקסלידער

★

פאַרלאַג „ציון“

בוענאָס־איירעס ה׳תשכ״ט, 1969

שער־בלאַט: מאָנומענט פאַר די העלדן פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ

געווידמעט האַרציק

מיין מאַן, און מיינע קינדער

אינהאַלט:

אַ ייִדישע מאַמע מיט אַ געפּיל פאַר דיכטונג, פון ד״ר ל. זשיטניצקי 11
פאַר וואָס... 13

אונדזער קאַמף

משהלע 17
מיר ווען ניט פאַרגעסן 21
אַנטיסעמיטיזם 22
אַסימילאַציע 24
יזכור 25
אַ פּראָטעסט 26
פאַרן קרן קימת 27
אַרום פייער 29
דעם 5טן יוני 1967 31
אין דער בליץ־מלחמה 34
ירושלים 35
אונדזער וואַנט 36
עליה 37
קומט, ייִדן! 39
יום העצמאות I 40
יום העצמאות II 42
יום העצמאות III 43
יום העצמאות VI 44
אַ נייער ייִד 45

געפילן און איינדרוקן

אַ שמועס מיט די קינדער 49
אַ מענטש 50
ווינטער 52
פּסח 53
כעס 55
יתום 56
יוגנט 57
אין דעם מאַמע־טאָג 58

לכבוד ד״ר זשיטניצקי — 59
דער ים — 60
ווען אַ קינד גיט עקזאַמען — 62
נישט פאַרשטאַנען — 63
„קאָנסטיטוסיאָן״ — 64
פרילינג — 65
דיביימער — 66
פייגעלע — 67
אָן אײַנדרוק (בײַ ד״ר זשיטניצקין אין דער היים) — 68
אַ ליאַלקע — 69
אַ יידיש שטעטל (צו דער גרינדונג פון פאַראיין פון ביאַלע פאָדלאַסקאַ) און אומגעגנט — 70
לזכר יעקב באָטאָשאַנסקי ז״ל (צו זײַן ערשטן יאָרצײַט) — 73
אַ מאַמע — 74
איביקע פרײַנד — 75

וועלטלעכע פראַגעס

אַ מענטש פון קאָליר — 79
פאַרשעמט די גערעכטיקייט — 81
ברידער — 82
פופציק יאָר נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע — 83
מען האָט געהרגעט אַ גערעכטן מענטש — 84
דאָס לעבן־שפּיל — 86
גלייבן, אָדער נישט גלייבן — 87
יעדער איינער — 89
רחמנות אויף די מענטשן — 90
צו דער וועלט — 93
איך מיט מײַן ביקס — 95

אַ ייִדישע מאַמע מיט אַ געפיל פאַר דיכטונג

פון ד"ר ל. זשיטניצקי

(פובליקאַציע דערשינען אין „די פרעסע" דעם 9טן אָקטאָבער 1965).

מען האָט זיך קיין מאָל נישט פאַראינטערעסירט מיט די אַלע, וואָס זיצן אין דער שטיל, לייענען אַ צייטונג אָדער אַ בוך, און אָפט מאָל, אײַ־בערטראַכטנדיק וועגן איינער אָדער אַ צווייטער זאַך, וועגן איינעם אָדער אַ צווייטן פּראָבלעם און דערשייַנונג; ציִען־אויס זייער האַנט צו געדאַנקען, מיינונגען און סענטימענטן. וואָס פאַר אַ רייַכער מאַטעריאַל דאָס וואָלט געווען צום קענען די נשמה פונעם מענטש? אָט ליגן פאַר מיר צוויי לי־דער פון אַ ייִדישער פרוי, געוויס אַ ייִדישע מאַמע. איר נאָמען איז קלאַראַ קליקסבערג. און וויפל אוממיטלבאַרקייט מען געפינט אין די לידער! אין איין ליד פרעגט פרוי קלאַראַ קליקסבערג „פאַר וואָס?" און ענטפערט:

ברידער פון אַלע קאָלירן,
לאָמיר אַ חשבון פירן,
ווייַסע, שוואַרצע, גרין,
ווו קומען מיר אַלע אַהין,
זייַנען מיר דען נישט אַלע גלייַך,
אַפילו ווען איך בין אָרעם און דו רייַך.
שוין טויזנטער יאָרן פרעג איך פאַר וואָס, ברודער, האָסטו מיך פייַנט?
ווילסטו נישט, אָדער קענסטו נישט זייַן מייַנער אַ פרייַנט?
שוין דורות לאַנג ווי איך וואַנדער איבער לענדער,
איך קלאַפּ אין פּאַלאַצן, איך קלאַפּ אין הייַזקעס טירן,

אָבער איר ווילט אַלץ קעגן מיר אַ מלחמה פירן.
איר ווילט נישט ענטפערן, פון אײַער געוויסן זיך אויסקויפן,
דעריבער ווילט איר פון דער ערד צו לבנה אַנטלויפן,
זײַט נישט קיין חיות אין מענטשלעך געשטאַלט פאַרשטעלט,
וועלן אַלע קאַלירן ווי ברידער לעבן און נישט דאַרפן אַנטלויפן פון וועלט.

מיר ציטירן דאָס גאַנצע ליד אָן ענדערונגען. מיר נעמען נישט אין באַטראַכט דאָס דיכטערישע, הגם דאָס ליד האָט מאָס און ריטעם, אונדז גייט מער אויפן געדאַנק, אויף דער אידעע וואָס ווערט אינעם ליד אַרויסגעבראַכט, ווי וויפל האַרציק־נאַיווער גלויבן און שיינקייט מען געפינט אינעם געדאַנק פונעם ליד.

אין אַ צווייט ליד, באַטיטלט „יעדער איינער", רעדט קלאַראַ קליקסרערג וועגן קנאה־שנאה, וואָס איז ווײַט נישט אין גײַסט פון דער ייִדישער מסורה:

יעדער איינער וויל זײַן גרויס.
צו וואָס? דער טײַוול ווייסט;
יעדער איינער לויפט און יאָגט,
אַפילו יענער וואָס דאַרט ער האָט שוין אַלץ, אויך ער קלאָגט.
איינער איז באַזאָרגט: חברס אויטאָ איז גרעסער,
אַ צווייטער — ווײַל שכנס געשעפט אַרבעט בעסער,
אַ דריטער — ווײַל צוליב אינפלאַציע געלט פאַרלירט דעם ווערט,
און טראַכט: ווו נעמט מען דאָלאַרן, הײַזער אָדער ערד.
טאָג און נאַכט מען טראַכט, וואָס קויפן אָדער פאַרקויפן,
און דערווײַל די יאָרן זיי שנעל אַנטלויפן.
פּלוצעם דערפילט מען אַלץ גייט קראַך,
אָבער צו שפּעט צום שכל קומט, אַז געלעבט האָט מען אָן פאַרשטאַנד.

ווי געזאָגט, האַנדלט זיך נישט אַזוי אין דיכטונג, ווי אויפן געדאַנק, אויף די סענטימענטן און איידלקייט פונעם פילן. מען קען זאָגן, אַז אַזאַ איז די פאָלקס־נשמה, און אַזעלכע דיכטונגען ווי די דאָ ציטירטע פון קלאַראַ קליקסבערג, איז ריכטיקע פאָלקס־דיכטונג.

פאַר וואָס...

אַ ייִדישע מאַמע נעמט זיך דאָס רעכט
צו דערציילן פון אַלץ וואָס זי פילט;
אפשר איז דאָס געשריבן גוט אָדער שלעכט,
אָבער איר וועט געפינען פון אַלץ וואָס דאָס לעבן האָט.

איך האָב מײַנע לידער נישט געגלעט, נישט געפּוצט;
ווי זיי זיי קומען פון מײַן נשמה, אַזוי גיב איך זיי אַרויס.
איך האָב בײַ קיינעם נישט גענומען, אין ערגעץ נישט געזוכט,
זיי געשריבן ווי דאָס לעבן האָט זיי געמאָלן.

אַלע מאַמעס האָבן וואָס צו דערציילן,
אָבער די ייִדישע מאַמע, מיט דעם שרעק אין אירע אויגן,
האָט אַוודאי רעכט צו שרײַבן, כאָטש ס'איז טרויעריק און שווער.
— אָט אַזוי גיט זי צו
אַ דאָקומענט מער
צו דער טראַגישער היסטאָריע פון אונדזער פאָלק.

אונדזער קאמף

משהלע

משהלע קען דאָס קיין מאָל
נישט פאַרגעסן,
אַפילו אין פאַרגעניגן
אין גרעסטן,
ווי מען האָט אים פון — — —
טאַטע-מאַמען אַוועקגעריסן,
אַרוסגעשלעפּט פון בעט
זײַן קאָפּ פון ווייכן ווײַסן קשן.

נישט געווען דאָן אין הימל
קיין שטערן.
די נאַכט
האָט אין פינצטערניש געוויינט.
יענער געוויין פון מיליאָנען
איז אין דער לופט געבליבן שטעקן,
וואָס וועט בײַ אַלע דורות
נקמה מאָנען און וועקן.

ווען משהלע איז שוין אין טרעבלינקע,
אין מײַדאַנעק געווען,
האָט ער נאָך אַלץ
זײַן טאַטע-מאַמען געהערט שרײַען און זיי געזען;
מיטן מלאך-המוות געקעמפט,
פון זינט מען האָט אים פון זײַנע טײַערע צעשיידט:
נישט גאַזקאַמערן
און נישט קיין פײַער האָט אים געטויט.

געלאָפן — — —
געלאָפן אין די אַפּפּאַל־רערן,
אַבי געראַטעוועט
צו ווערן.
פינצטער, טרויעריק,
ווי און וויסט, —
דער הונגער האָט אים געצווונגען
צו שלינגען יעדער מיסט.

דאָס ערגסטע, דאָס מיאוסטע
געטאָן צו בלײַבן לעבן;
דער שטאַרקער באַגער צו זען טאַטע־מאַמען
איז געווען זײַן שטרעבן.
...משהלע איז טאַקע
געבליבן לעבן, —
ערשט וועט ער דערגרייכן
זײַן שטרעבן.

דורך די פאַרבלוטיקטע
וועגן ער גייט,
אויף פעלדער פון צעריסענע
מענטשלעכע קערפּערס פאַרשפּרייט.
שאָטנס פון די טויטע
און די נאַטור אים באַגלייט.
— איז דאָס אמת,
אַז זײַן שטוב נאָך דאָרט שטייט?

עס איז געווען
פרײַטיק פאַר נאַכט,
אָט זעט ער די שטוב
שוין אַנטקעגן.
די שטערנס האָבן זיך געצונדן,
ווי ליכט
דער שבתדיקער טיש מיט די צוויי לײַכטער
פאַר זײַנע אויגן שוועבן.

לײַכט און לאַנגזאַם עפנט ער די טיר.
שטיל און ליידיק איז אַרום — — —

ער שרײַט
און פרעגט בײַ די ווענט —
ווו איז זײַן מאַמע
מיט אירע צוויי אויסגעשטרעקטע הענט,
מיט וועלכע זי האָט
דעם שבת-קודש אויפגענומען?
האָט דער טויט
שוין אויך זי צוגענומען?

יענע ליכט האָט שוין זײַן מאַמע
נישט געצונדן
אָבער בײַם כותל-מערבי,
אין ירושלים, ברענען זיי.
דער קאַמף פאַר ישראל
איז מיט אונדזערע טויטע ענג פאַרבונדן.
די הייליקע ליכט װעלן שטענדיק ברענען
און שרײַען און דערמאָנען דעם טיפן וויי.



אַ צייכענונג פון אַ קינד פון טערעזיענשטאַטער געטאָ

מיר ווע̄לן נישט פֿאַרגעסן

מיר דאַרפֿן געדענקען ! . . .
די פֿון גאַז דערשטיקטע,
די פֿון פֿײַער פֿאַרברענטע,
די פֿון באָמבעס צעריסענע,
די פֿאַרבלוטיקטע הענט,
וואָס זײַנען
אין שטאָלענע פֿויסטן פֿאַרקלעמט.

מיר דאַרפֿן געדענקען ! . . .
די פֿאַרשטײַפֿטע אויסגעטריקנטע הענט,
וואָס האָבן מיט בלוט
פֿאַרשריבן אויף די בונקערשע ווענט,
די זקנים מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן,
די קינדער
וואָס זײַנען אויף שטיקער צעשניטן.

מיר דאַרפֿן געדענקען ! . . .
די זעקס מיליאָן קרבנות,
וואָס שרײַען :
בעט נישט פֿאַר אונדז בײַ דער וועלט קיין רחמנות,
דאָס בעסטע געווער
איז, דאָס שטאַרק זײַן
אויף דער אייגענער ערד !

אַנטיסעמיטיזם

די אַנטיסעמיטישע חיה
אין מענטשלעכן געשטאַלט
איז שוין
טויזנטער יאָרן אַלט.
אַט דעם סם
האָט מען אַן אַ שום פּאַרוואָס ערגעץ פאַרזייט
און ער האָט זיך
אויף דער גאַנצער וועלט צעשפּרייט.

אויב אַ מאָל
איז ער שוואַכער דאָרט,
ווערט ער באַלד שטאַרקער
אויף אַן אַנדער אָרט;
ער קומט נישט אין אַ לאַנד
ווו עס איז דאָ שלום און ברויט,
נאָר דאָרט
ווו עס איז דאָ הונגער און נויט.
אַט דעם באַרבאַריזם
גיט מען אַלע מאָל אַן אַנדער נאָמען,
ווי פאַשיזם, היטלעריזם, נאַציאָנאַליזם.

איך פרעג אײַך,
מיט אײַערע אַלע נעמען אויף דער וועלט:
— ווו און ווער
איז אײַער העלד,
דער וואָס האָט מיטן בלוט
פון 6 מיליאָן יידן אויסגעשמירט די גאָט-געבענטשטע ערד?
אַנשטאָט זאַנגען, געשניטן
קינדערשע און זקנים-קעפּ מיט זײַן שווערד.

פון די ברואים אָן מאָראַל
און מיט שוואַכע קעפּ
קריגן מיר
קלעפּ נאָך קלעפּ.

אָבער שטאַרקער
פון די משוגעתן פון דער וועלט
איז אונדזער געשיכטע,
וואָס קען נישט זײַן פאַרשטעלט,
פאַר וואָס אונדזער פאָלק
קען זיך אָנשטויסן מיט שטיינער.
מיר זײַנען אַליין,
אָבער געאייניקט אַלע ווי איינער.

אַסימילאַציע

דער טרויער פון אונדזערע זין און טעכטער, וואָס רײַסט דאָס האַרץ,
די וואָס גייען פון ייִדישן שטאַם אַוועק.
אויך איז זייער צוקונפט שוואַרץ
אויף אַלע פרעמדע וועגן, גייען און קומען נישט צו קיין ברעג.

קען אַ ייִדישע מאַמע שווייגן,
ווען זי זעט די גלות-קינדער אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן?
מיטן אַנטלויפן פון זיך, מיטן גאַנצן זיך אויסמישן, בלײַבט מען
ווײַטער מיט די ייִדישע זאָרגן.

אַ ייִדיש קינד מוז בלײַבן אַ ייִד;
מע וועט אים אים נישט לאָזן נישט דאָ, און נישט דאָרט,
נישט אָפּשאַצנדיק אַלץ וואָס ער גיט,
קען ער אין ערגעץ נישט געפינען קיין זיכערן אָרט.

דערפאַר דאַרפן אַלע קעמפן און זאָרגן,
אונדזערע קינדער זאָלן גיין אין זייער היים
וואָס די אָבות האָבן געהייסן, —
וועלן זיי האָבן אַ בעסערן מאָרגן
און נישט דאַרפן
פון קיין פרעמדע לענדער אַנטלויפן.

יזכור

אין דעם טויטן מישמאַש
איז נישטאָ קיין איינער,
וואָס ס׳זאָל נישט האָבן פון זײַנע ברידער און שוועסטערס אַש
פון זייערע פאַרברענטע ביינער.

איינער הערט דאָס קול פון זײַן טאַטן דעם צדיק:
„שמע ישראל, בטחון ייִדן!״
מיטן ניגון פון אַ מגיד
זינגט ער אויס:: ׳דאָס טאָר נישט ווערן פאַרשוויגן!״

אָט זעט מען די קינדער די קליינע,
צוויי ייִדישע טרויעריקע אויגן וואָס שטוינען:
אַזוינע חנוודיק שיינע
בעטן זיך און וויינען.

נאַקעט זעט מען זיי לויפן און לויפן,
אומעטום הערט מען זיי שרײַען און פרעגן;
זיי ווילן זיך פון טויט אויסקויפן —
פאַר וואָס האָט מען צוגענומען זייער לעבן?

אַ פּראָטעסט

אַלע ייִדן זייַנען מיר ברידער, גוטע פרייַנד,
דערפאַר דאַרף מען זאָגן וואָס עס קומט פאַר הייַנט:
ווילט איר אַז אונדזערע קינדער זאָלן בלייַבן ייִדן,
מוזט איר פאַר זיי אין אַלע אינסטיטוציעס עפענען די טירן.

האָט איר פון דעם געטראַכט,
אַז איר פאַרלירט אַ גרויסע קראַפט?
די פירערס ווערן אַלט און קראַנק,
מען דאַרף נייַע כוחות,

אָבער קיינער טרעט נישט אָפּ די באַנק.
פיל האָבן טענות, אַז די יוגנט איז אַוועק,
זיי זייַנען דאָ, זיי זייַנען בלויז פּאַסיוו, עפנט פאַר זיי אַ וועג;
זיי זייַנען בלאָנדזשענדיקע שאָף —
נישט דאָ און נישט דאָרט, —
איר ווילט זיי האָבן, דאַרפט איר מאַכן פאַר זיי אַן אָרט.

דער יונגער דור איז זייער רייַך,
עס לוינט מיט זיי צו מאַכן שותפות גלייַך;
לאָזט זיי העלפן שלעפּן דעם שווערן ייִדישן וואָגן,
לאָמיר פיל ייִדישע זין אין אונדזערע אינסטיטוציעס האָבן.

פאַרן קרן קימת

מיטן גײַסט פון אונדזערע נביאים
און מיט דאָס רײַכטום פון אונדזערע תורה־אמתן,
מיטן כוח פון שמשון הגיבור
איז געבוירן געוואָרן דער קרן־קימת.

געזאַמלט פון דער גאַנצער וועלט
בײַ ייִדן סענטן געלט
אויף צו קויפן ערד וואָס געהערט צו קיינעם,
און דאָך איז דאָס פאַר ייִדן איינעם.

די ערד וואָס איז טויזנטער יאָרן געלעגן פאַרברענט,
פאַראָרעמט, פאַרלאָזט און פאַרשעמט,
ווען די חלוצים אידעאַליסטן זײַנען געקומען
און האָבן זיך צו דער קרן־קימת־ערד גענומען.

איז דער נס געשען,
וואָס אַלע מענטשן ווילן זען —
צעהאַקט די שטיינער,
געמאַכט וואַקסן מיליאָנען ביימער.

יעדער איינער וואָס פאַרפלאַנצט אַ בוים
שאַפט פאַר זיך אָדער פאַר זײַן איניקל אַ היים;
לאָמיר ענטפֿערן אונדזערע שונאים אויף זייערע קלעפּ
מיט נײַע עולים, קיבוצים און פיל שטחים ערד.

בויענדיק אַ נײַ לאַנד

אַרום פײַער

(אַ נאַכט מיט חלוצים)

חברים און חברות,
אַלע געשלאָסן אין איין ראָד
אַרום דעם גרויסן פײַער,
מיר וועלן זינגען אַלין וואָס איז אונדז ליב און טײַער.

אַלט און יונג —
אַלע דאָ צום פײַער קומט !
אַלע זאָלן שליסן די הענט,
מיר וועלן פאַר אונדזערע שונאים מאַכן אײַזערנע ווענט.

נישטאָ בײַ אונדז קיין קלאַסן, קיין געלט !
מיר זײַנען קעמפּערס, און דאָס וועלן מיר ווײַזן דער וועלט ;
מיט די ווערטער וואָס זײַנען אין פײַער אויסגעקריצט,
מיט אונדזערע ברידערס און שוועסטערס בלוט, וואָס מען האָט די וועלט פאַרשפּריצט

מיר האָבן געשוווירן אַז מיר וועלן קיין מאָל נישט מיד ווערן,
מיר וועלן געדענקען אַפילו ווען עס וועט פאַרגיין די זון מיט די שטערן ;
מיר וועלן אַרבעטן, זינגען און טאַנצן,
מיר וועלן נײַע קיבוצים, ביימער און וועלדער פלאַנצן.

לאָמיר זײַן גרייט, חבריה יאַטן,
גײַסטיקע פּעקלעך דאָ אָנצופּאַקן.
אונדזערע שונאים אויף דער גאַנצער וועלט וועלן אונדז נישט פאַרשטיין,
לאָמיר יידן-ברידערלעך, אין אונדזער מדינת ישראל גיין.



אַ חלוצישער טאַנץ

דעם 5טן יוני 1967

האָט גאָט געגעבן
אַ טרייסל דאָס ערד,
יעדער ייִד האָט גלײַך
דעם שופר של ישראל דערהערט.
ווען די ייִדישע פּאָגראָמען־אויגן
האָבן אָנגעהויבן וויינען,
האָבן אַנדערע אָנגעהויבן פּילן
און שטוינען.

די פון טויזנטער יאָרן
צעבלוטיקטע ליפּן פאַרביסן,
האָט זיך פון די צעווייטיקטע הערצער
דער „פאַרוואָס?" אַרויסגעריסן:
דער אומפאַרשטענדלעכער
ייִדישער באַגער
העלפן שטאַרקן,
אַליין נישט וויסנדיק ווער עס איז ער.

רעכטע, לינקע, אַסימילירטע — אַלע האָבן זיך געאייניקט.
און מען ברענגט הילף פולע פּעק;
אָבער אַזוי ווי דאָס איז ווייניק —
אָט זײַנען טויזנטער יוגנטלעכע אויך אין וועג.

ישראל איז פון גלות
נישט נאָענט,
דאָך זײַנען די ייִדן — ווער נישט פיזיש,
איז גײַסטיק אויפן פראָנט;
אַלט און יונג
פאַרשטייט און ווייס,
ציטערט און צאַפּלט,
אַז די געפאַר איז גרויס.

יעדער איינער
דאַרף ווערן אַ העלד,
כדי צו קענען בלײַבן לעבן,
ווי אַ ייִד אויף דער וועלט.

אַ צייכענונג פֿון אַ קינד אין אַ בונקער פֿון אַ קיבוץ
אין דער צײַט פֿון דער 6־טאָגיקער מלחמה

אין דער בליץ־מלחמה

די מאַמעס האָבן זייערע טעכטער
און זין געזעגנט,
אַליין זיך אויך מיטן שונא
אין קאַמף באַגעגנט.
די קינדערלעך האָבן געגראָבן
בונקערס מיט די הענט,
צום אויפשטעלן פאַר די שונאים
אײַזערנע ווענט.

גאָט האָט געמאַכט אַלץ שנעל,
ווי אַ מיל מאָלט.
די לופט איז געוואָרן אויסגעמישט
מיט פײַער, מענטשן און קוילן.
און דער גײַסט
פון אונדזערע ברידער
האָט זייערע
וואָפן צעבראָכן.

באַגלייט האָבן די ייִדישע העלדן
די זעקס מיליאָן קרבנות,
די טאַנקען האָבן אפשר...
געשטופט די אָבות
בײַם כותל־המערבי, —
ויעט ווערן מיט בלוט פאַרשריבן: —
דאָ זײַנען נאָך הונדערטער ייִדישע העלדן געבליבן...

ירושלים

ירושלים...
פון טויזנטער יאָר,
נישטאָ פאַר דיר
קיין אַלט-נײַער דור;
דו, פון אַלע
הייליקייטן
פון נעכטן, הײַנט, מאָרגן,
פון אַלע צײַטן.

ירושלים פון די צען געבאָטן,
דער ציון בלוי-ווײַסער פאָן,
וואָס ווערט באַלויכטן פון די שטערן
וועט נישט מער, ווי דער בית-המקדש, פאַרניכט ווערן.

וועמען? —
די הייליקע קברים,
אָדער דיר, ירושלים, געוואָלט פאַרשעמען —
מיט וואָס?
מיט געווער און פײַער
זײַנען אַ ווילדע מחנה געקומען דיר נעמען.

טויטע האָבן נישט קיין מורא
פאַר קיין געווער,
די מיליאָנען יידישע קרבנות
ווילן נישט קיין מלחמות מער.

ירושלים, דיינע געפאַלענע זין
און טעכטער, נישט פאַרגעס!
די וועלט וועט מוזן געדענקען
דעם היסטאָרישן נס.

אונדזער וואַנט

די הייליקע כותל המערבי-וואַנט
וועט שוין קיין מאָל מער נישט חרוב ווערן,
קיינער וועט איר מער נישט ברענגען צו שאַנד,
ווײַל זי איז שוין גענוג פאַרשטיינערט פון אונדזערע טרערן.

וואָס מער מענטשן עס טרעטן אַרום איר זאַמד,
גלעטן און קושן איר פון אַלע זײַטן,
אַלץ שטאַרקער ווערט די גרויע וואַנט,
וואָס וועט שוין בלײַבן פאַר אַלע דורות, אויף אַלע צײַטן.

איינִיקע שאָקלען זיך און שרײַען „שמע-ישראל" אויס,
אַנדערע וואַרפן שטילערהייט זייערע צעטעלעך אַרײַן;
אָט רוקט זיך איינער מיט אַ געוויין העכער פון אַלע אַרויס,
מיט דער שטענדיקער פראַגע, פאַר וואָס האָט מען געהרגעט
מײַנע ברידער?

אַלע פאַלן צו צו דער האַרטער גרויער וואַנט,
אַלץ ווערט אויסגעמישט אין איין קלאַנג —
גאָט, מאַך שלום בײַ די מענטשן!

ע ל י ה

אַ סך ווערט
וועגן עליה גערעדט,
פאַר אַלע ייִדן
וואָס זײַנען אויף גלות-ערד.
עס ווערן געשיקט
שליחים דאָ און דאָרט,
מען מאַכט קאָנגרעסן, זיצונגען
אין יעדן אָרט.

מען שרײַבט
און מען גיט צו פאַרשטיין,
אַז מען דאַרף נישט וואַרטן, ווען מען וועט טרײַבן,
נאָר מען דאַרף אַליין גיין;
עס זאָל נישט
ווערן פאַרשטערט
אונדזערע אָפּגענומענע
גרויסע שטחים ערד.

אויף זיי דאַרף מען אַקערן,
בויען און שאַפן;
יעדער ייִד דאַרף אין ישראל
אַ וואַרעמע היים מיט אַ גאָרטן בלומען מאַכן;
אמת... יעדער איינער
דאָס וויל,
בײַ יעדן ייִדן
איז פאַראַן עפּעס אַזאַ געפיל.

אָבער עס איז אים שווער
און אַ שאָד
צו צעשטערן און איבערלאָזן
דאָס וואָס ער האָט.

דאָס ייִדישע פאָלק
מיטן וואַנדער־שטעקן,
פון אומעטום געיאָגט
און געפּלאָגט פון אַלע עקן.
אין וועלכן לאַנד
ער איז נאָר געקומען,
האָט ער זיך גלײַך פלײַסיק
צו דער אַרבעט גענומען.

ווײַל אַלץ וואָס יעדער האָט,
איז אָנגעקומען זייער שווער —
דערפאַר וויל ער
זיך נישט רירן מער.
ייִדן... נעמט־אָן
די עליה־עצות,
וואַרט נישט — דער שונא
זאָל אײַך קומען קלאַפּן אין די פּלייצעס!

מיר האָבן דער וועלט אַ סאַך, אַן אײַנשטיין
אַלץ געגעבן,
און ערשט ווייסן מיר נישט
אָפּצוהיטן אונדזער פאַרמעגן.

משה רבינו רופט אונדז נאָך אַלץ פון באַרג:
— ייִדן, זײַט שטאַרק!
גייט אין אײַער מדינה, אויף אײַערע אָבות זאַמד,
און אָט אַזוי וועט איר האָבן אײַער אייגן לאַנד.

קומט, ייִדן!

ערגעץ פון נגב, נאָענט,
שטייט אַ הויכער סאָסנע־בוים און שרײַט,
שאָקלט זיך, וויינט און מאָנט
בײַ די אַלע וואָס זײַנען אין גלות, ווײַט:

— זעט, ווי שטאַרק און שיין
איך בין אַרויסגעוואַקסן פון שטיין;
שוין אַזוי פיל יאָרן ווי איך בעט און וויין:
קומט ייִדן, צו זיך אין דער היים!

האָט נישט קיין מורא,
איך זאָג אײַך צו צו היטן,
און גאָט וועט אײַך מוחל זײַן די עבירה,
איך וועל אײַך מיט מײַנע צווײַגן באַשיצן.

אויב איר גלייבט נישט, וועל איך שווערן
אַז ווען איר וועט דאָ קומען,
וועל איך נאָר צו אײַך געהערן,
און קיין שום שונא וועט אײַך מער נישט צעשטערן.

יום העצמאות !

יום העצמאות איז אַ יום-טוב גאָר אַ גרויסער,
מיר יידן שטאָלץ מיט דער פאָן בלוי-ווײַסער;
יידן פון דער גאַנצער וועלט —
איינער מיט אַרבעט, שוויים, אַ צווייטער — מיט געלט.

דער אימיגראַנטן-שטראָם איז גרויס,
ווײַל יעדער איינער ווייס:
— די זעקס מיליאָן קרבנות
האָבן אונדז אויף זייער לשון געגעבן צו פאַרשטיין,
אַז מיר מוזן און דאַרפן האָבן אַ היים.

און דער נס איז געשען,
און אַלע ווילן פאָרן זען,
דער חלוץ אין פעלד,
דער סאָלדאַט, דער העלד.

צעהאַקט די שטיינער,
געמאַכט וואַקסן אויף זיי ביימער;
מיט ביקס אין איין האַנט, מיטן אַקער אין דער צווייטער,
איז דער קעמפער, דער מוטיקער חלוץ געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער.

עס וואַקסן און בליִען אין טיפסטן נגב בלומען,
רופן אַפילו נישט-יידן: איר וועט נאָך דאָ אויך וועלן קומען;
עס איז נאָך פאַראַן פיל צו טאָן
פאַר דער צוקונפט און פאַר די וואָס קומען-אָן.

נישט געווען אויף דער וועלט קיין וואַסער וואָס זאָל אונדז
דערטרינקען,
נישט געווען קיין פײַער וואָס זאָל אונדז פאַרברענען.
מיר גייען און גייען אויף אונדזערע אָבות-זאַמד,
מיר בויען און שאַפן אונדזער אייגן לאַנד.

עס וואַקסט אַ נײַע יוגנט

יום העצמאות II

אוועק צוויי טויזנט יאָר,
איין דור נאָך דור
געיאָגטע און געטריבענע,
אין דער געשיכטע מיט בלוט פאַרשריבענע.

דער הימל האָט אונדז נישט פאַרדעקט,
אויך איז אין ערגעץ נישט געווען אונדזער ערד.
וויפל מיר האָבן געשאַפן און געגעבן,
האָבן מיר אין ערגעץ נישט געקענט אונדזער נעסט וועבן.

די זעקס מיליאָן קרבנות האָבן אונדז אויף זייער לשון געגעבן
צו פאַרשטיין,
אַז מיר ייִדן, דאַרפן און מוזן באַפרײַען אונדזער היים.
געקומען איז דער טאָג,
וואָס באַצאָלנדיק מיט אונדזערע קרבנות

האָבן מיר אָפּגענומען די ערד פון אונדזערע אָבות.
אָט אַזוי איז פון ייִדיש בלוט
אַרויסגעצויגן אין ישראל, די בלוי-ווײַסע פאָן, אין יום-העצמאות.

גרין זײַנען געוואָרן די פאַרלאָזטע פעלדער,
אויף די צעהאַקטע שטיינער
וואַקסן וועלדער.
דאָס וואַסער האָט באַשפּריצט דעם פאַרברענטן נגב,
וואָס האָט אונדז געגעבן זײַנע בלומען,
וואָס איז ווי אַ נס געקומען.

דער יום-העצמאות פון ישראל איז נישט פאַר אונדז אַליין,
אונדזערע טויטע אָבות הייסן אונדז אין דעם וועג ווײַטער גיין;
נישט זײַן מער צעשפּרייט,
דור מיט דור שליסן אַ קייט,
האַנט מיט האַנט —
קומען אין אונדזער אייגן לאַנד.

יום העצמאות !!!

יום-העצמאות, אונדזער יום-טוב דער גרויסער,
מיט פרייד פילט ער אָן יידישע הערצער.
זאָל פלאַטערן די פאָן די ווייס-בלויע,
מיט זוניקן שטאָלץ הייבט זי זיך העכער און העכער.

שטראָמען זאָל די עליה, זײַן זאָל זי גרויס.
יעדער ייד פילט און ווייס —
זעקס מיליאָן קרבנות
האָבן אונדז געמאַכט פילן און פאַרשטיין:

אַ פאָלק ווי אַ מענטש, מוז האָבן אַ היים.
געשען איז עס, גרויס איז דער נס;
שטוינט די וועלט פונעם זען
ווי דער חלוץ פון פעלד
געוואָרן איז דער באַפרײַער, דער העלד.

דאָרט וווּ אַמאָל געווען זײַנען שטיינער,
ווינטלט אַ וואַלד מיט ביימער און ביימער.
דער חלוץ מיט מאַזאָליעדיקע הענט,
האָט אויפגעשטעלט שטאָלענע ווענט.

גרויס איז די אַרבעט, אַ סך איז צו טאָן,
מיט יעדן עולה — אַ נײַער בראשית הייבט-אָן.

מיר גייען, מיר קומען אויף אונדזערע אָבות-זאַמד,
צו בויען לשם „ותחלה” אונדזער אייגן לאַנד.

יום העצמאות VI

יום-העצמאות, וואָס איז מיט גאָלדענע אותיות
אין דער היסטאָריע געוואָרן פאַרשריבן;
דער יום-טוב איז יושרדיק און שטאַרק,
ער האָט קיין שום פאָלק נישט אָפּגענאַרט.

מען דאַרף אים שטאַרקן
פון יאָר צו יאָר,
די קייט פון די אָבות
זאָל זיך ציִען פון דור צו דור.
די פאָן פון גלות
צום יום-העצמאות אַנטקעגן
איז די, אַז ייִדן זאָלן קומען
אין דער מדינה פון אַלע וועגן.

אויך די מיליאָנען
ביימער און בלומען
בעטן,
איר זאָלט צו זיי קומען.
און די היַיזער,
וואָס ווערן אויסגעבויט איבער נאַכט,
עפענען פאַר איַיך זייערע טירן און פענצטערס, —
דאָ קענען מיר זיַין דער באַלעבנס און נישט דער גאַסט.

יעדער איינער פון איַיך אַליין
זאָל צולייגן אַ שטיין
און אויך אַ שותּף זיַין;
דער וואָס האָט געהאַט דעם זכות דאָס צו דערלעבן,
דאַרף זיך אַליין ישראל אָוועקגעבן —
דאָס איז געווען אונדזערע זיידעס און טאַטעס שטרעבן.

אַ נײַער ייִד

זעט, וואָס גאָט האָט געמאַכט.
האָט דען אַ מאָל ווער וועגן דעם געטראַכט?
האָבן דען די קינדער אַמאָל געוואָלט פאָרן אין דעם לאַנד,
ווו מען דאַרף אַקערן, גראָבן אין דעם ווילדן זאַמד?

אַפילו די וואָס האָבן נישט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס ציוניזם,
אַמביציע, טראַדיציע, אייגן לאַנד, אידעאַליזם —
אַ שטאַרקן טרייסל האָבן געקראָגן אָט די קינדער,
אין דעם באַשטייט דער װוּנדער.

אין אַלע לענדער, אין דער גאַנצער וועלט,
האָט דער ייִדישער פונק וואָס וועקט און מאָנט, אין ערגעץ
נישט פאַרפעלט;
דער וואָס קען נישט ייִדיש, אויך נישט עברית —
ער זיך אַליין ישראל גיט.

אָט דעם הלוץ, ווען מען זאָגט אים: שטיי אויף וואַך מיטן ביקס
אין האַנט,
ער צעשרײַט זיך, ער איז צופרידן, ווײַל ער איז בײַ זיך אין לאַנד.
זיי אַקערן, קלײַבן שטיינער, זייען און פלאַנצן,
זיי זײַנען נישט מער טרויעריק, זיי זינגען און טאַנצן.

געפילן און איינדרוקן

אַ שמועס מיט די קינדער

יעדער איינער פון אײַך
זאָל זײַן אַ נוצלעכער מענטש,
מיט גײַסטיקער גבורה
זאָלט איר זײַן געבענטשט.
נעמט נישט
קיין שלעכטע וועגן,
וועט איר גיין און דערגיין
צו וואָס איר וועט שטרעבן.

דער הימל מיט זײַנע שטערנס
ברענגט די נאַכט ;
דאָס קינד ליגט אין בעט
און טראַכט . . .

דעמאָלט נעמט ער פילן
און פאַרשטיין,
אַז ער דאַרף און מוז
עפּעס זײַן ;
זיך נישט שרעקן,
קיין זאַך זאָל דיר נישט זײַן שווער,
קעמף און לערן
אַלץ מער און מער.

אַלע קינדערלעך
דאַרפן בויען און שאַפן.
די קראַנקע וועלט
וועט איר נאָך געזונט מאַכן.
דאָס זײַנען
די גרויסע זאָרגן,
וואָס בלײַבן פאַר אײַך,
קינדער, אויף מאָרגן.

אַ מענטש

וואָס איז אַ מענטש ?
— מיט אַ גײַסט פון גאָט געבענטשט,
מיט אַ קאָפּ
פון פיל קעמערלעך,
אין וועלכער עס אַרבעטן
און קלאַפּן האַמערלעך.

די געדאַנקען אַרבעטן,
ווי אַ ווינט :
עס אַנטלויפט איינער,
אַ צווייטער קומט געשווינד.
צי מען וויל צי נישט,
שטענדיק מען טראַכט,
אַפילו אויך ווען
מען שלאָפט בײַ נאַכט.

די אויגן די צוויי,
וואָס זעען זיי ? —
אַלץ וואָס איז גוט
און שלעכט,
וואָס פאַלש און גערעכט.

און די הענט ?
— ווי צוויי אײַזערנע ווענט ;
און די פיס ?
— וואָס גייען און גייען,
שפּאַנען און שפּאַנען,
ווי זיי וואָלטן געווען באַנען.

ווען די יאָרן מאַכן פון יונג אַלט,
וואָס פון דער גאַנצער גבורה ווערט, —
די עלטער רוקט זיך אונטער באַלד,
און אַלץ אין קערפּער נעמט אַרבעטן פאַרקערט.

דער קאָפּ נאָך אַלץ אַן אַפּאַראַט,
וואָס טראַכט און טראַכט;
די האַמערלעך קלאַפּן און פרעגן,
וואָס האָט ער אין לעבן געמאַכט?
חשבון מיט זיך
ווילט זיך אָפּנעמען אַצינד,
ווען מען נעמט פילן
אַז דאָס לעבן אַנטלויפט שוין, געשווינד.

די אויגן וואָס קוקן
נאָענט און ווײַט,
כאָטש זיי זײַנען שוין טעמפּ,
אָבער זיי זעען ווי די וועלט איז פאַרשײַט.
דער איינציקער וואָס איז געבליבן,
איז דער הימל־בלוי,
זײַנע אַלע קאָלירן
זײַנען געוואָרן בלויז גרוי.

און...
די צוויי הענט?
— זײַנען געבליבן פאַרשעמט;
און די פיס?
וואָס זײַנען אויסגעגאַנגען אַזוי פיל ערטער,
איז זיי שווער צו טראָגן זייער אייגענעם קערפּער,
— און דאָס איז דאָס לעבן.

ווינטער

עס שלעפּט און קריכט
דער ווינטער.
עס גייען אַוועק אַ פּאָר שעה
און אָט איז שוין פינצטער.
ווען די ווינטן בלאָזן
און מען כאַפּט אַ ציטער,
איז דעמאָלט, נעבעך,
דעם קבצן ביטער.

אין די גרויע,
רעגנדיקע טעג, —
די זון גייט ווייַט,
ווייַט אַוועק,
דער הימל קוקט אויף אונדז
טרויעריק פאַרוויינט.
אַך, זונשטראַלן,
מיר האָבן זיך שוין נאָך אייַך פאַרבענקט!

פאַריתומט שטייען
דיביימער אין די וועלדער,
נאַקעט, נעבעכדיק
די פעלדער;
אַ רחמנות
אויפן ווינטער —
זאָל ער נעמען זייַנע קליינע טעג
און גיין געשווינדער.

פסח

אַז פּסח מאַכט מען אַ סדר —
דאָס ווייס דאָך יעדער איינער,
די גאַנצע משפּחה אויסגעזעצט אַרום טיש
עס שמעקן אַלע מאכלים און אויך די געפילטע פיש.

דער טאַטע זיצט אויבן־אָן,
ווי אַ קיסר אויפן טראָן;
נישט קיין חמץ, נאָר מצה דאַרפן אַלע עסן,
מען זאָל קיין מאָל אין דער טראַדיציע נישט פאַרגעסן.

די הגדה דאַרף מען זאָגן,
אויף דעם וואָס מען האָט די ייִדן
פאַרשקלאַפט אין מצרים, דאַרף מען קלאָגן;
די פיר קשיות דאַרף מען פרעגן,
זאָל זיך שוין עפענען פאַר אונדז ייִדן די וועגן
פון שלום, ליבע און אייניקייט.

פסח: אַ יום־טוב פון פרייַהייט

כעס

ווען אַ מענטש ווערט אין כעס,
אַ שוויים פאַרדעקט זײַן לײַב,
— נאָס.
ווי אַ חיה ער שרײַט און בילט,
און ווייס נישט אַליין
וואָס ער פילט.

ווענן געפילן, ווען, ווער
אים פרעגט, —
צום טײַוול ער אַלעמען
און אַלץ שיקט;
שטיקער רייסט ער פון אייגן
האַרץ,
די גאַנצע וועלט ווערט אַרום
אים טונקל און שוואַרץ.

פרעגט אים נישט אויס, וואָס
און אויס וועמען,
ער קען זיך אַליין
זײַן נשמה נעמען!
דאָס לעבן
ער צאַפּט,
און זײַנע אויגן מיט אייגענע
פויסטן ער פאַרמאַכט.

יתום

טײַערער, ליבער יתום,
דו אָפּגעהאַקטער צווײַגל
פֿון נישט־דערוואַקסענעם בוים, —
פֿויגל אָן אַ נעסט, אָן אַ שטײַגל!

זע די פֿרײַנד וואָס דו האָסט,
און דאָך ביסטו, נעבעך, אַליין.
אויב אַפֿילו דו ערגעץ אַ טאַטע־מאַמע האָסט,
דאָך ביסטו עלנט ווי דער פֿאַרלאָזטער קאַלטער שטיין.

טײַערער יתום, לאַך, רייד,
שרײַ־אויס דײַן געוויין!
אַלץ איינס — דיינע צוויי טרויעריקע אויגן,
זיי, דײַנע אַלע סודות דערציילן.

דו ביסט אָנגעטאָן און פֿאַרדעקט,
און דאָך איז דיר קאַלט,
ווײַל עס פֿעלט דיר די וואַרעמקייט פֿון דײַן מאַמען,
וועלכע האָט דיר איבערגעלאָזן ווי אַן אומבאַהאַלפֿן שעפּעלע
אין וואַלד.

טײַערער קינד,
דו ביסט גאָר נישט שולדיק אין דײַנע עלטערנס זינד.
איך בין זיכער און ווייס
אַז דו וועסט אויסוואַקסן געזונט און גרויס.

האַק אין האַרטן לעבן, —
עס פֿאָדערט פֿון דיר אַ סך.
דו וועסט אים פֿיל גײַסטיק רייכטום געבן,
כאָטש ביסט נישט אויסגעוואַקסן אונטער טאַטע־מאַמעס דאַך.

יוגנט

יוגנט, אַלץ וואָס דו ביסט,
נישטאָ צו דיר קיין גלײַכן.
דו האָסט אַן אוצר, אַ געווינס,
אַ פֿאַרמעגן אַ רײַכן.

דו בליסט ווי די בלומען,
פֿאַר דיר איז פֿרילינג.
קיין האַרבסט
איז נאָך פֿאַר דיר נישט געקומען.

דו ביסט גרין ווי אַלע פֿעלדער,
וואָס זײַנען פֿאַרזייט.
דו שמעקסט ווי די סאָסנע-וועלדער,
וואָס האָבן זייערע צווײַגן צעשפּרייט.

דערפֿאַר יוגנט, דאַרפֿסטו ווערן פֿאַרזיכטיק געהיט,
און אויך דײַן ענערגיע, דײַן קראַפֿט
דאַרף ווערן אויף אַלע גוטע זאַכן גענוצט.
פֿון דיר ווערט פֿיל געזונגען און געטראַכט.

ווען דו גייסט אַוועק,
זעט מען דײַן ווערט.
עס האָט חרטה דער,
וואָס האָט דיר צעשטערט.

אין דעם מאַמע־טאָג

אין דעם טאָג
זאָלן זײַן געבענטשט
אַלע קינדער פון גאָט,
וואָס קענען צו זייערע מאַמעס
מיט קיין מתנות נישט קומען;
וואָס גייען אויפן פעלד
מיט טרערן און בלומען.

דער נאָמען „מאַמע"
איז נישט יונג און נישט אַלט;
ער איז אין קיין שום ראַסע
קיין מאָל נישט קאַלט.
עס זײַנען געפילן,
וואָס ווייסן נישט
פון קיין צייכנס און קאָלירן.

און — — —
פון אַלע מאַמעס
אויסגעמישטע אויף דער וועלט,
זעט מען
די ייִדישע מאַמע,
וואָס קען נישט
זײַן פאַרשטעלט.

די צוויי ייִדישע אויגן,
פול מיט פײַן,
וועלן שטענדיק, ווי בײַ די באָבעס,
אַזוי בײַ די מאַמעס זײַן.
ווײַל אונדזער גלויבן, מאָראַל און בטחון איז גרויס
און דאָס וועט שטענדיק זינגען
די ייִדישע מאַמע איר קינד אין שויס.

לכבוד ד״ר ל. זשיטניצקי

וויי, וויי, ייִדן!
געוואַלד געשריגן!
אַוועק איז פון אונדז איינער, —
נישטאָ נאָך אַזוינער.

געווען איז ער אַ קולטורעלער באַרג,
גײַסטיק — אַ גיבור, שטאַרק.
איינעם — אַ וואָרט, אַ צווייטן — אַן עצה געגעבן;
קעמפן און שאַפן איז געווען זײַן שטרעבן.

עס טאָר נישט בלײַבן ליידיק זײַן אָרט,
ווײַטער קעמפן, פאַרטיידיקן דאָס ייִדישע וואָרט;
ווײַטער קעמפן און שמידן.
ד״ר זשיטניצקי שרײַט פון קבר אַרויס: קינדער, איר זאָלט בלײַבן ייִדן!

דער ים

דער אייביקער, אייביקער ים,
גרוים און בלוי,
מיט זײַן געזאַלצענעם טעם, —
ער איז ברייט און לאַנג,
און פֿאַרבינדט די האָריזאָנטן מיטן הימל,
מיט זײַנע קאָלירן בײַם זון־פֿאַרגאַנג.

מיט זײַן אומענדלעכקייט,
אָן אַן עק און אָן אַ ברעג,
וואָס פֿירט ווײַט, ווייט
מיט זײַנע שיפֿן אַוועק.
כאָטש ער שפּילט זיך
מיט אונדזער קליין ערד, —
ער דראָעט איר און שטראָפֿט איר,
אָבער ער נעמט איר נישט אַוועק.

טייל מאָל איז ער רויִק
און שטיל ווי אַ טויב,
אַן אַנדער מאָל ווערט ער ווילד,
און שיקט זײַנע כוואַליעס אין רויב,
ווען ער נעמט ברויזן, שטורעמען,
קאָכט ער זײַן וואַסער אויס
אין אַ מישמאַש פֿון שטיינער און זאַלץ,
שפּײַט ער מיטן ווײַסן שוים פֿון זיך אויס.

ווען ער מיט דער זון
שלום מאַכט,
איז דאָך פֿאַר די מענטשן
אַ פֿאַרגעניגן, אַ פּראַכט;
און זיי ציִען זיך אויס
אויף זײַן ווײַסער זאַמד —

איינער שטעלט אַרויס אַ פּלייצע,
אַ צווייטער — אַ פּוס, אַ האַנט.

צי איז דאָס גוט צי שלעכט? —
אָבער מען האָט דאָס ליב.
ווען די שטראַלן פון דער זון,
און דאָס וואַסער אונדז גלעט און גליט,
ווען עס פאַלט די זון
און עס קומט די נאַכט;
דער ים זשומעט זײַנע סודות —
סודות מיט די שטערן,
און די לבנה
באַרגט אים איר גלאַנץ.

ווײַט . . . דער גערויש פון דער שטאָט.

ווען אַ קינד גיט עקזאַמען

וואָס אַ מאַמע פילט
אין טאָג פון עקזאַמען פון איר קינד,
ווען דאָס גלעקל פון טיר אָדער טעלעפאָן קלינגט, —
זי לויפט שוין אומגעדולדיק, געשווינד.

זי וויל שוין הערן, זען,
ווי אַזוי איז דאָס געווען;
זי איז נישט דאָ און נישט דאָרט —
זי קען זיך נישט געפינען קיין אָרט.

איר געבעט צו גאָט איז אַצינד:
— אָ, גאָט, האָב רחמנות אויף מײַן קינד,
שטאַרק אים, גיב אים דײַן ברכה,
ער זאָל האָבן מזל און הצלחה!

ער איז אַוועק מיט זײַן באַגאַזש,
ווי שווער אים צו טראָגן אין קאָפּ, נישט אין טאַש,
געלערנט און געגראָבן טעג און לאַנגע נעכט,
ווײַל די וויסנשאַפט איז דער בעסטער פאַרמעג.

ניט פאַרשטאַנען

איך האָב ליב געהאַט
מײַן טאַטע־מאַמען,
כאָטש זײ האָבן מיר
קײן מאָל ניט פאַרשטאַנען.
איך בין זײ ערלעך
געטרײַ געװען,
כאָטש זײ האָבן קײן מאָל
מײַן נשמה ניט געזען.

װען איך האָב אָנגעהױבן רײדן
און פאַרשטײן,
האָב איך אָנגעהױבן פרעגן:
װי קאָן דאָס אַזױ זײַן?
איך פרעג בײַם אױפגאַנג
און זון־פאַרגאַנג,
צי איז אין דעם שולדיק
מײַן פאַרשטאַנד־?

איך קלאַפּ און קלאַפּ אין האַרטן לעבן,
װי אין שטײן.
איך זע זײַן בליאַסק פון פײַער,
זײַן קלאַנג פון פעלדז, און בלײַב דאָך אַלײן.

אין מײַן שטילן שװײַגן
שרײַ איך טיף אין הימל אַרײַן,
איך פרעג בײַ דײַנע עדות,
בײַ לבנה און שטערן, —
האָסטו, גאָט,
דעם מענטשן אַזױ געהײסן זײַן?

קאָנסטיטוסיאָן

אין גרויסן סטאַציאָן,
וואָס הייסט „קאָנסטיטוסיאָן“.

די מענטשן לויפן: ווער אַהין
און ווער אויף צוריק;
זיי זעען־אויס ווי ליאַלקעס,
וואָס מען ציט מיט אַ שטריק.

איינער מיט קוישן,
אַ צווייטער — מיט פעק.
מען שטופט זיך,
מען יאָגט זיך שנעל אין וועג.
מען לויפט אין דער ריי —
אַ מינוט צײַט צו געווינען,
פונקט ווי די מינוט
וואָלט מיליאָנען געגעבן צו פאַרדינען.

אָט פײַפט דער יחסן
מיט זײַנע אײַזערנע פיס, דער באַן,
עס לויפט אים אַנטקעגן
די פרוי אַזוי ווי דער מאַן.
אַ שטופ אַהער,
אַ שטופ אַהין, —
איך אַליין פאַרגעס
ווער איך בין.

אַלץ, אַבי אַ פלאַץ
צו קריגן.
אָט נעמט זיך שוין
דער אײַזערנער גיבור וויגן.
ווען ער, מיט זײַנע שוואַרצע וואָלקנס
רויך בלאָזט, —
זאָלט איר וויסן, אַז ער
„קאָנסטיטוסיאָן“ שוין פאַרלאָזט.

פרילינג

פרילינג, נישטאָ צו דיר קיין גלײַכן!
דו שענקסט דײַנע גאָלדענע זון־שטראַלן
דעם אָרעמען, ווי דעם רײַכן,
מען קען דיר אויף קיין שום צײַט פאַרבײַטן.

ווען די זון נעמט זיך אין די פענצטער שפּיגלען,
און איר גלאַנץ דרינגט אין אַלע ווינקעלעך אַרײַן, —
דאַן נעמען די פֿייגעלעך זינגען,
און רופן אַלעמען זינגען און פֿריילעך זײַן.

ווען די קנאָספּן דערוואַרעמען זיך בײַ דער זון,
עפענען זיך און נעמען זייער דופטיק אַראָמאַט געבן,
דאַן רופן זיי די פאַרליבטע: שפּאַצירן קום,
איך וועל דיר, מײַן פרילינג־בלום געבן.

ווען די ביימער זייער גרינע בלעטער קריגן,
און זייערע צווײַגן צעשפּרייטן זיך ביז די פענצטער;
ווען זיי בלאָזן און מיט שטאָלץ זיך וויגן, —
דאַן גיבן זיי לעבן די נשמות מיט די הערצער.

די ביימער

נאַקעט שטייען
די ביימער,
אויסגעטאָן פון זייערע גרינע קליידער,
נעבעכדיק,
זייערע צווײַגן
וויגן זיך און שווײַגן.

פול מיט סודות
זײַנען זיי;
זייער שפּראַך איז נישט סתם אַזוי.
און ווען עס קומט אַ וואַרעמער ווינט
און וויל זיי גלעטן, —
זיי ברומען זיי פון שלאָף, איינער דעם צווייטן וויל וועקן.

ווען זיי שאָקלען זיך
אין געוויין,
בעטן זיי צוריק בײַ גאָט זייער קרוין.
אָט וועט ער אָנטאָן אַלע באַלד,
אַלע, פון דעם ביימל אין גאַס
ביזן גרויסן וואַלד.

פײגעלע

אָרעם פײגעלע, מען האָט דיר געכאַפּט,
די פרײַהײט בײַ דיר צוגענומען
און אין שטײַגל פאַרמאַכט.

מען האָט דיר באַלד עסן און טרינקען געגעבן,
אויך אויף דער זון, אין פענצטער דיר געשטעלט.
וואָס טויג דאָס, אַז דו קענסט נישט שוועבן, —
עס איז פאַר דיר אַ שטײַגל, אָבער נישט קײן וועלט.

כאָטש דו גיסט־אויס דײַנע אַלע טענער אין געזאַנג,
און מיט דײַנע שפּילקע בריליאַנטן־אײגעלעך, קוקסטו נאָענט און ווײַט,
אָבער טרויעריק, אָנגעבלאָזן שטײסטו אויפן שטאַנג,
דו קוקסט נישט אין חלל, נאָר אין דײַן אײַנגעהאַלטענער צײַט.

אַן אײַנדרוק

(ביי ד״ר זשיטניצקין אין דער היים)

עס עפנט זיך אַ טיר,
וואָס איז אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר מיר,
מיט פאַרהאַנגען צעריסן,
וואָס האָבן מיר געגעבן צו וויסן,

אַז דאָ וווינט אַ מענטש,
וואָס איז פון גאָט געבענטשט,
מיט אַ רײַכטום אָן אַ שיִער,
וואָס מען קען נישט געפינען בײַ קיין גביר.

בערג מיט ביכער אָנגעוואָרפן, דאָ און דאָרט,
איז דאָס אַ מוזיי, אַ ביבליאָטעק, אָדער אַ הייליקער אָרט?
ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן, טײַערע סחורה,
וועלכע עס לײַכטן אַזוי ווי ליכט אין אַ מנורה.

אַ ליאַלקע

אין אַ שטיקל סחורה אָנגעשטאָפּט געשווינד,
פֿאַרנייט און פֿאַרמאַכט,
און שוין איז דאָ אַ ליאַלקע, ווי אַ קינד,
אויף פּיס און הענט איר געמאַכט.

אַ פּאָנים מיט אַ קאָפּ,
די בלויע אויגן צוויי
וואָס זי האָט, —
קוקן און עפּעס זאָגן זיי.

ווײַל די ליאַלקע איז שטום, —
וואָס איינער וויל, מאַכט ער מיט איר:
מען לייגט איר, מען זעצט איר,
און אָט הענגט זי גאָר אויף דער שאָפֿע־טיר.

עס נעמט־אָן אַ דחמנות צו קוקן אויף איר.
זי, מיט איר שיין פּנים בעט:
— פֿאַר וואָס הענג איך אויפֿן הענטל פֿון טיר?
איך קען דאָך ליגן, ווי אַ קינד, אויפֿן בעט!

מען גיט איר אויך אַ גלעט,
און מען לייגט איר אַוועק.
זי איז צוגעפּאַסט פֿאַר דער הײַנטיקער וועלט,
ווו מען קויפֿט אַלץ, אויך אַ ליאַלקע פֿאַר געלט.

אַ ייִדיש שטעטל

(צו דער גרינדונג פון פאַראיין פון ביאַלע פּאָדלאַסקאַ)

ביאַלע פּאָדלאַסקאַ, יאַנאָווע, לאָמאַז — שטעט און שטעטלעך,
מיט אײַער ייִדישן חן;
מיט אײַערע גרויסע הײַזער און אויך קליינע שטיבלעך, —
פיל פון זיי זײַנען געבליבן שטיין.

אָבער וואָס טויג אונדז שוין זייער חן,
אַז זיי זײַנען פון ייִדן ריין?
מיר וועלן זיי שטענדיק דערמאָנען מיט טרער און געוויין ,
מיר וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווו עס איז געלעגן יעדער שטיין.

אויף די לאַנגע וועגן און שאָסייען,
אויף וועלכע פאַרלעך האָבן ליבעס געפירט;
די גרינע לאָנקעס, די פעלדער געוואַקסן אָן פאַרזייען
און די גינגאָלדענע שטראַלן וואָס האָבן זיי באַצירט.

טײַערע שטעט און שטעטלעך, מיט אײַערע ביבליאָטעקן,
מיט פאַרטייען אַ סך: לינקע און רעכטע;
חסידישע ייִדן מיט בערד און פּיאות, וואָס זײַנען אין שול
געקומען וועקן,
דיסקוסיעס צווישן טאַטן און זון, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט
געטאָן עקן.

מיר האָבן געקאָכט און געזשומעט,
אָרגאַניזירט און געשאַפן;
מיר האָבן זיך געשראָקן פאַר קריג, פאַר אומעט,
מיר האָבן שטענדיק געוואָלט יושר און אַ בעסערע וועלט מאַכן.

אָבער דער אַנטיסעמיטיזם האָט אונדז קיין מאָל נישט געלאָזט,
נישט לערנען, נישט אַרבעטן, נישט פּרנסה פאַרדינען;
מען האָט אונדז געדריקט און אויף דער וועלט צעבלאָזט,
אויך האָט מען אונדז אונדזער אָרעמען לעבן נישט געלאָזט.

די ימען האָבן אונדז אויף דער גרויסער וועלט צעפּירט,
אויפן גאַנצן פּלאַנעט צעשפּרייט;
מיר זײַנען ווי אָפּגעריסענע צווײַגלעך ווידער פאַרזייט,
טאַקע דערפאַר דאַרפן מיר זײַן געאייניקט אין איין קייט.

כדי דאָס אַלץ צו געדענקען,
דאַרפן מיר וויסן און פאַרשטיין,
אַז מיר ווילן דאָס גאַנצע לעבן בענקען, —
מוזן מיר זיך אייניקן און שאַפן אַ פאַראיין.

עס איז אַ מאָראַלישער חוב זיך צו טרעפן צוזאַמען,
אַלע וואָס זײַנען דאָ צעזייט און צעשפּרייט ווי איין משפּחה;
אויך נויט-באַדערפטיקע זאָלן ווערן געהאָלפן פון דאַנען,
אַלע צוזאַמען, עס זאָל זײַן מיט מזל, מיט ברכה.

KRAWIEC
MĘZKY

לזכר יעקב באָטאָשאַנסקי ז״ל

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)

גענואַנדערט האָט ער איבער וועלטן־וועלט,
נישט געקאַרגט קיין צייַט, אָן מורא פאַר היץ און קעלט,
צו לאָזן הערן איבעראַל, אין יעדן אָרט,
דעם ווייַ־געשריי פונעם געפּייַניקטן ייִדיש וואָרט.

שוין מיט יאָרן, מיט יאָרן צוריק,
ווען ביי אַ סך דער געדאַנק נאָך געלעגן אין וויג,
האָט ער שוין געזען, געפילט און געהערט,
וואָס פון אונדזער ייִדיש געשליפענער מאַמעשפּראַך ווערט.

אַליין אין שטענדיקן ברען, אַ שטיק פייַער,
האָט ער אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר ייִדיש, וואָס געווען
איז אים ליב און טייַער;
אַ צעשטורעמטער ווי אַ ים האָט ער זיך מיט זייַנע כוואַליעס
געקילט,

און האָט פון זיך געגעבן אַלץ, וואָס איר ווילט.
שווער איז צו שרייַבן און זאָגן, וואָס ער איז געווען,
אָבער דער טרויער איז, וואָס ער וועט שוין מער נישט זייַן.
און איז דען נאָר ער אַליין אַוועק? —
גרויסע גייַסטיקע אוצרות מיטגענומען פולע פּעק.

דער פידל אויף וועלכן ער האָט געשפּילט איז געווען פון בייַן,
נאָר ער אַליין האָט געקענט אויף אים אויסשפּילן זייַן
ייִדישן חן —
געווען איז ער אַ גאַנצער אָרקעסטער,
און וועט בלייַבן אומפאַרגעסלעך צווישן די גייַסטרייַכסטע
מענטשן, די בעסטע.

אַ מאַמע

קינדער פון אַלע פעלקער,
פון וועלכן עס זאָל נישט זײַן עלטער;
מענטשן פון אַלע קאָלירן,
וועלכע זײַנען בײַ אײַך די שטאַרקסטע געפילן?

ווען דאָס קינד האָט נאָך ריידן נישט געקענט, האָט זי אים שוין פאַרשטאַנען

ווי גוט עס איז ווען זי איז מיט אונדז צוזאַמען;
אירע ליבע איבערגעגעבענע בליקן,
אין טרויעריקסטן מאָמענט אונדז דערקוויקן.

ווי זיס עס איז ווען זי מיט אירע וואַרעמע הענט גיט אַ גלעט
און זינגט אַ ליד מיט איר ברכה בײַם קינדס בעט;
זי וועט נישט שווײַגן,
ווען זי וועט זען איר קינד, חלילה, לײַדן.

זי וועט זיך מקריב זײַן, אפילו אין פײַער
פאַר איר קינד, וואָס איז איר אַזוי ליב און טײַער;
גרוים זײַנען אירע זאָרגן
פאַר איר קינד אויף מאָרגן.

דער מענטשלעכער געפיל האָט דאָס פאַרשטאַנען,
אַז יעדער איינער דאַרף היטן זײַן מאַמען;
אין וועלכער שפּראַך עס זאָל נישט זײַן,
מוז דאָס יעדער איינער פילן און פאַרשטיין.

ווי איינזאַם עס פילט זיך אויף דער וועלט,
דער וואָס די מאַמע אים פעלט;
דער נאָענטסטער פרײַנד קען אָט די וואַרעמקייט נישט געבן,
מען קען דאָס נישט קויפן פאַר קיין שום פאַרמעגן.

אייביקע פרײַנד

מיט דיר, פּאַפּיר,
ווײַל דו ביסט ריין און ווײַס, —
איך געשפּרעכן פיר.

און דו, פילפאַרביקער טינט, —
אַמאָל ביסטו ווי די נאַכט, פינצטער־שוואַרץ,
און אַ מאָל לײַכטסטו ווי די שטערן און קומסט צו הילף געשווינד.
דו מאָלסט און מאַכסט פאַרשטיין יעדער טרויעריק און פריילעך
האַרץ.

דו פעדער, דו צעבראַקסט און צעמאָלסט ווי אַ מיל,
ווי די כוואַליעס אין ים דו שטורעמסט און גלעטסט ;
בײַם שײַן פון דער לבנה מיט די שטערן דו דערציילסט אַלע
סודות גאַנץ שטיל,
אין אַלע צײַטן, איבער אַלע האָריזאָנטן, דו שוועבסט און שוועבסט.

איר זײַט די בעסטע פרײַנד,
דערפאַר בין איך מיט אײַך געאייניקט, —
פון נעכטן, מאָרגן און הײַנט,
אין לײַדן און פריידן — אויף אייביק.

װעלטלעכע פּראָגעס

אַ מענטש פון קאָליר

גאָט! פאַר וואָס האָסטו געוואָלט,
אַז אַנדערש ווי ביי אַלע מענטשן
זאָל זיין מיין קאָליר,
און שווארץ זאָל זיין מיין אויט?

טרויעריק זיינען די בליקן פון מיינע אויגן,
וויים ווי שניי — מיינע ציין;
פאַר וואָס זיינען זיי מיט דער שווארצער הויט פארצויגן,
ווער קען מיר ענטפערן און ווי זאָל איך דאָס פארשטיין?

דו האָסט מיר געגעבן געפילן,
וואָס קענען מאַכן וויינען און לאַכן;
איך קען פאַר דער וועלט זינגען און שפילן,
פאַר וואָס האָסטו מיר געדאַרפט אַנדערש ווי אַלע מענטשן מאַכן?

אויף צו מאַכן אַלע מענטשן זען און וויסן,
אַז מיין נשמה און הארץ
איז אַזוי ווי ביי זיי — ביי מיר נישט שווארץ,
דאַרף איך אויפשניידן מיינע אָדערן
און לאָזן דאָס רויטע בלוט גיסן.

פאַרשעמט די גערעכטיקייט

איך טראַכט . . .
צי האָט טאַקע די גערעכטיקייט
פאַרלוירן איר מאַכט?
וואָס איז געשען
מיט איר געווער,
מען האָט איר כמעט דערשטיקט,
און קיינער האָט נישט קיין רחמנות אויף איר מער.

מענטשן פון אַלע קאָלירן
לאָזן זיך פון איר
שוין מער נישט פירן,
מען וואַרפט איר
פון אומעטום אַרויס,
מען פאַרמאַכט פאַר איר די טירן,
פון הויז צו הויז.

די גערעכטיקייט וויינט און וויינט,
ווײַל מען האָט איר פאַרשעמט.

די גערעכטיקייט . . .
מיטן גאָרנישט
הייבן שוין אָן צו ריידן,
און מען פרעגט נישט
בײַם אמת,
פאַר וואָס מען האָט אים שוין געמאַכט
פאַר אַ מת.

די גערעכטיקייט וויינט און וויינט,
ווײַל מען האָט איר פאַרשעמט.

ברידער

ברידער פון אַלע קאָלירן,
לאָמיר אַ חשבון פירן:
ווײַסע, שוואַרצע, גרין,
ווי קומען מיר אַלע אַהין?

זײַנען מיר דען נישט אַלע גלײַך,
אַפילו ווען איך בין אָרעם און דו רײַך?
שוין טויזנטער יאָרן פרעג איך, פאַר וואָס
ברודער, האָסטו מיך פײַנט?

ווילסטו נישט אָדער קענסטו נישט זײַן
מײַנער אַ פרײַנד?
שוין דורות לאַנג ווי איך וואַנדער
איבער לענדער.

איך קלאַפּ אין פּאַלאַצן, איך קלאַפּ
אין הײַזקעס טירן,
אָבער איר ווילט אַלץ קעגן מיר
אַ מלחמה פירן.

איר ווילט נישט ענטפערן, פון אײַער
געווויסן זיך אויסקויפן,
דעריבער ווילט איר פון דער ערד
צו דער לבנה אַנטלויפן.

זײַט נישט קיין חיות אין מענטשלעך
געשטאַלט פאַרשטעלט,
ווען אַלע קאָלירן ווי ברידער לעבן,
און נישט דאַרפן אַנטלויפן פון דער וועלט.

פופציק יאָר נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע

די ייִדן שטרעקן־אויס נאָך שלום די האַנט
צו די אַלע, וואָס זײַנען הינטער דער אײַזערנער וואַנט,
צו די פירערס, וואָס זײַנען בייז און צערייצט,
וואָס האָבן שנאה און האָס פאַרשפּרייט.

צו די, וואָס ווילן אַלע איבעריאָגן און היסטאָריע מאַכן,
וואָס פון ברודערשאַפט, גערעכטיקייט און יושר זיי לאַכן;
די, וואָס ווילן זייערע דערגרייכונגען מיט פײַער פאַרפּוצן,
און דעם קאָמוניזם אין אַ זעלבסט־אַמביציע פאַרנוצן.

מיר ייִדן, און דער גאַנצער מין מענטש קומט אײַך באַגריסן,
און מיר ווילן, איר זאָלט פאַרשטיין און וויסן,
איר זאָלט פון אונדזערע פאָרשלאָגן נישט לאַכן,
נישט מער רייצן די פעלקער, נאָר שלום מיט אונדז מאַכן.

איר זאָלט זיך פאַרטראַכטן
אויף די גרויסמאַכטן,
נישט, חלילה, מאַכן פון דער גאַנצער וועלט
איין פאַרשאָלטן שלאַכטפעלד.

אַלע מענטשן ווילן לעבן,
לאָמיר אויף אַ סאָציאַלן אופן שאַפן און געבן;
לאָזן די קינדער וואַקסן און שטרעבן,
זיי וועלן מער ווי איר, דער וועלט געבן.

נישט דערטרינקען, נישט פאַרברענען,
נישט כאַפּן וואָס קומט נישט בײַ יענעם.
די וועלט איז קראַנק, נישט אויף דעם איז זי געשאַפן;
לאָמיר אין שלום לעבן,
וועט מען די וועלט גוט מאַכן.

מען האָט געהרגעט אַ גערעכטן מענטש

פון די 150 טויזנט
ייִדיש-ווערטער,
געפין איך נישט צו קענען שרײַבן
וועגן דער וועלט, דער צעשטערטער;
נישטאָ אַזאַ פאַרב
פאַרן קינסטלער-מאָלער,
וואָס זאָל קענען שאַפן בילדער
פון דעם וועלט-טרויער.

איז טאַקע אונדזער פּלאַנעט
אַ דזשונגל-וואַלד?
און די וואָס לעבן אין אים
זײַנען חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט?
דער טאָג ווי די נאַכט
איז שוין באַלד פינצטער, שוואַרץ;
דעם חשבון פון אידעען
און רעוואָלוציעס האָט אָפּגענאַרט.

מיט ניסים,
אויב ערגעץ-ווו אין אַ לאַנד,
אַ לוטער-קינג, אַ קענעדי,
מיט מאָראַל און פאַרשטאַנד,
וועלכע האָבן געפילט און געזען
די ליידן פון דער צעקוועטשער מאַסע;
פאַר יושר
איז נישטאָ קיין קאָליר, נישט קיין ראַסע.

האָט שוין דער גענוער-מאַגנאַט
קיין רו נישט געהאַט,
ער האָט געטראַכט...
זיי קענען נאָך אָפּשטעלן די מלחמות און שלום מאַכן.

אוים מיט די פאַבריקן
פון באָמבעס, האַרמאַטן.

אויך די מאָנאָפּאָלן
נישט צעשטערן,
איז קיין גערעכטן מענטשן
קיין פּרעזידענט נישט לאָזן ווערן;
און מיטן קאַפּיטאַל
צו זײַן זיכער,
האָט מען בײַ די מענטשן
דאָס לעבן צוגענומען וואָס גיכער.

די ערד דרייט זיך ווײַטער
און עס שײַנט די לבנה, —
אויב נישט די קינדער,
וועלן די אייניקלעך נעמען נקמה.

דאָס לעבן־שפּיל

דער מענטש מיינט,
אַז ער אַלץ שוין ווייס;
ער טראַכט און בלאָזט זיך
און האַלט זיך גרויס:
האָט דאָך ער שוין
אַזוי פיל דערגרייכט —
ביז די הימלען,
אין דער הייך.

צו וואָס רעליגיע,
צו וואָס גלויבן? —
די ציוויליזאַציע, די טעכניק,
וועט שוין דערהויבן.
מען מאַכט שוין שותפות
מיטן טויטן, לעבעדיקן קערפּער,
מען נעמט־אַרויס ביי איינעם,
מען לייגט אַריין אין אַנדערן די הערצער.

און דאָך...
עס איז וויי און אַך
מיט דער גאַנצער וויסנשאַפט,
מיט די אַלע זאַכן —
קען מען אַנטקעגן גאָט
גאָר נישט מאַכן.

יעדער איינער „איך"
איז מיט עפּעס אַנדערש
אין דער נשמה ביי זיך;
יעדער איינער עפּעס גלייבט,
זאָל זיין, ווי
ער פאַרשטייט.
זאָל ער רופן ווי ער וויל, —
עס איז פון גאָט
דער זעלביקער לעבן־שפּיל.

גלויבן אָדער נישט גלויבן

גלויבן אָדער נישט גלויבן אין מענטש ?
איך וויל ליב האָבן מײַן ברודער,
ווי זיך אַליין,
און ער זאָל מיך אויך פאַרשטיין.

גאָט האָט אונדז געשאַפן,
אַלץ געגעבן,
אַז מיר זאָלן צוזאַמען
קענען לעבן.
דער בלוי-ווײַסער הימל
איז פאַר אונדז איין דאַך,
מיר האַלטן זיך אויף דער ערד
ווי פיגורן אויפן ברעט פון שאַך.

ווען גאָט גיט אַ קוק
און אַ ציטער, —
וועט אַלעמען
דאָ ווערן ביטער.
עפנט-אויף באמת די אויגן,
זאָל זײַן אויף איין מאָמענט,
וועט איר זען ווי די שטאַרקע זײַנען שוואַך,
ווי עס קראַכן די אייגענע ווענט.

איך, דער אָפּגענאַרטער,
געשאָסענער, פאַרברענטער ייִד,
זינג צו אײַך, פון ברודער
צו ברודער, דאָס ליד.
עס איז שוין
טויזנטער יאָרן ווי איך וויין,
און איז דאָך נישט געוואָרן
מײַן האַרץ פון שטיין.

די היסטאָריע
לאָזט שוואַרצע פלעקן אין חלל.
וועט איר נישט ברעכן
די ייִדישע מאָראַל?
איך וועל נאָך
גלויבן און ליבן,
כאָטש אונדזער געשיכטע
איז מיט בלוט געשריבן.

יעדער איינער

יעדער איינער וויל זײַן גרויס.
צו וואָס? —
דער טײַוול ווייס;
יעדער איינער לויפֿט און יאָגט,
אַפֿילו יענער, וואָס דאַכט, ער האָט שוין אַלץ, —
אויך ער קלאָגט.

איינער איז פֿאַרזאָרגט:
דעם חברס אויטאָ איז גרעסער;
אַ צווייטער — ווײַל דעם שכנס געשעפֿט
אַרבעט בעסער,
אַ דריטער — ווײַל אוים אינפֿלאַציע,
געלט פֿאַר לירט דעם ווערט,
און טראַכט: וווּ נעמט מען דאָלאַרן,
הײַזער אָדער ערד.

טאָג און נאַכט מען טראַכט,
וואָס קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן,
און דערווײַל די יאָרן, —
זיי שנעל אַנטלויפֿן.
פּלוצים דערפֿילט מען:
אַלץ גייט קראַך,
אָבער צו שפּעט צום שכל קומט מען,
אַז געלעבט האָט מען אָן פֿאַרשטאַנד.

רחמנות אויף די מענטשן

גאָט, האָב רחמנות
אויף דיַין וועלט!
זע, ווי מען האָט איר פאַרשלייערט,
פאַר דיר פאַרשטעלט.
וויי, וויי,
וואָס מען האָט פון איר געמאַכט,
נישט קיין וויַינגאָרטן,
נאָר אַ פעלד פאַר שלאַכט.

די מענטשן האָבן אויפגעהערט גלויבן,
קוקן צו דיר אין דער הויך,
זיי האָבן געשאַפן אייגענע צען געבאָטן
און דאָס צעשפּרייט;
געשענדעט די עטיק,
די מאָראַל,
דערשטיקן, דער דריקן, זאָגן ליגן —
איז גאָר אַן אידעאַל.

געבויט און געשאַפן
מאַשינען, מיט מאַשינען,
צו וואָס דער מענטש?
זיי קענען שוין אַליין פּרנסה פאַרדינען.
מען קען נישט אויסרעכענען
אַלץ וואָס מען האָט דערגרייכט:
סובמאַרינען טיף אין וואַסער,
און סאַטעליטן צו דער לבנה, אין דער הייך.

דער פּראָגרעס איז גרויס,
די היסטאָריע שטייט נישט אויף אַן אָרט.
מענטש, וווּ ביסטו אַוועק?

אַ שאָד, אַ שאָד...
גאָט, נעם צונויף דײַנע קינדער,
דײַן פֿאָלק!
נעם־אָפּ בײַ זיי חשבון,
און מאַך בײַ זיי אַ טאָלק.

יעקב שניינהאַרדט: „ישעיהו"

צו דער וועלט

רויטע, געלע, ווײַסע,
פון אַלע קאָלירן,
פּאָליטיקערס, פּרעזידענטן,
צו די אַלע, וואָס די הערשאַפט פירן:
מיינט איר אַז עס איז אַ וועלט־מאַרק
פון הפקר,
וואָס איר פירט,
שלעכטער און שלעכטער.

די וועלט איז נישט קיין קרעטשמע,
פון שיכורן,
און דאָס מענטשלעך
לעבן פאַרביטערן;
אויך נישט זויפן
און פרעסן,
און אין אַלע רעליגיעס
און אין גאָט פאַרגעסן.

די וועלט איז נישט
קיין טראָן,
צו זיצן אויפן
פאָטעל, אויבן־אָן,
און מלחמות
מיט קאָנטראַקטן מאַכן,
פון נײַע פראָנטן
און שלאַכטן.

די וועלט איז נישט פאַר קיין אויסדערוויילטע,
לײַכטזיניקע יונגען.
גאָט האָט איר קיינעם
נישט פאַרדונגען,
עס איז נישט קיין אַרטיסטן־ראָל,
צו שפּילן

מיט אַלע טאַטעס און מאַמעס
געפֿילן.

די וועלט איז נישט קיין יאַטקע
פֿון בלוט און פֿלייש צו ווערן זאַט,
אויך נישט קיין שאָך־שפּיל,
וועלכן מען האָט שוין געמאַכט מאַט.
די זין פֿון אַלע פֿעלקער,
וואָס ווערן געשאָסן,
איז זייער בלוט פֿון איין קאָליר,
וואָס ווערט פֿאַרגאָסן.

די וועלט איז נישט
קיין פֿאַבריק פֿון געווער,
אויך נישט קיין ספּעקולאַציע־בירזשע,
צו פֿאַרדינען מער;
די ערד איז נישט מער מיט קערנדלעך,
נאָר מיט קברים פֿאַרזייט,
אַלץ וואָס אויף איר וואַקסט,
האָט פֿון מענטשלעך בלוט אַ ריח.

גענוג צו שפּילן אויף דער וועלט,
ווי פּאַיאַצן אויף דער בינע!
אַ טריט צו אַ טריט נענטער,
און שלום זאָל מאַכן מדינה מיט מדינה.
איז נישט פֿאַרן געוויסן
פֿיל שענער אָוועקצולייגן די שווערד,
פֿאַרפֿלאַנצן מיט ברויט
די גאָלדענע ערד?

די וועלט האַלט נאָך אויף די צען געבאָט,
מיט איר היסטאָריע מאַכן,
און נישט פֿײַער
און קריג שאַפֿן.
בעסער איין די מלחמות פֿאַרגעסן,
און זען — די הונגעריקע זאָלן האָבן צום עסן.

איך מיט מײַן ביקס

צו מײַן ביקס, וואָס איז מיר טײַער,
וועלכער באַגלייט מיר אין וואַסער און פֿײַער;
איך פּוץ דיר און טו דיר אָן,
און שטופּ דײַן פּיסק מיט קוילן אָן.

דו ביסט צו מיר געהאָרכזאַם, גוט;
דו שטאַרקסט מײַן מוט, —
ווען איך דיך גיב אַ קוועטש — דו שיסט;
פֿײַער, בלײַ דו גיסט.

מיט דיר בין איך שטאַרק
ווען איך ליג אין גרוב אָדער קריך אויפֿן באַרג.
ווען דער שונא צו מיר קומט, —
דו, מיט דונער־בליצן צו אים ברומסט.

איך דיר צו מײַן האַרצן דריק,
אין דיר מײַן טרויער כ׳דערשטיק.
איך בעט דיר: היט מיך אויפֿן פֿראָנט
פֿאַר יעדן קויל וואָס לויפֿט נעבן מיר נאָענט.

אָן דיר, ביקס און שווערד,
האָט מײַן לעבן נישט קיין שום ווערט.
דו, מענטשלעכע קערפּערס אויף שטיקער צערײַסט,
דו, מיר דאָס ווײַזט.

ווען די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט,
און איך בין צו זיך געקומען,
האָב איך ביי מײַן ביקס חשבון אָפּגענומען.
עס האָט גענומען ריידן מײַן געוויסן
און פֿרעגן, וויפֿל מענטשלעכע קערפּערס האָסטו האָסטו צעריסן?

עס איז אַ שאַנד, איך זאָל דיך טראָגן;
איך וועל דיך טיף אין דר׳ערד באַגראָבן!
ניין, איך וועל דיר צעהאַקן און צעבראָקן,
און אַלע דורכגעשאָסענע לעכער מיט דיר פאַרשטאָפּן.

איך וועל דיינע קוילן
גוט צעמאָלן,
צעשמעלצן און צעגיסן, —
זיי זאָלן שוין קיין מאָל מער נישט שיסן!

מיר וועלן ווייטער מאַכן שטאָל און אייזן,
מיר וועלן אייך, פאַרשעמטע ביקסן, ווייזן
אַז די גאַנצע ערד וועט זיין פאַרזייט, —
וועלן מיר פון דעם שטאָל און אייזן
מאַכן מעסערס צום שניידן ברויט.

Copyright 1969, by
CLARA KLIKSBERG
Buenos Aires

Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723
IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir
el día 10 de junio de 1969, en
los Talleres Gráficos "Zlotopioro
Hnos." S. R. L., San Luis 3149,
Buenos Aires, Repúb. Argentina.

CLARA KLIKSBERG

FOLKS - LIDER

★

Ediciones "SION"

Buenos Aires, 1969